nystateofhealth
The Official Health Plan Marketplace



## אינפארמאציע אין קורצן
# פאר DACA מענטשן

## DACA באקומער זענען פאסיג צו באקומען דעם Essential Plan.

### 1 וואס איז די רעגולאציע וואס ערלויבט מענטשן וואס זענען אנגעקומען אלס קינדער צו פארבלייבן (Deferred Action for Childhood Arrivals, DACA)?

DACA איז א פעדעראלע רעגולאציע. עס באשיצט געוויסע אימיגראנטן אן פאפירן פון דעפארטירט ווערן. די אימיגראנטן זענען אזעלכע וואס זענען אנגעקומען צו די פאראייניגטע שטאטן אלס קינדער. DACA מענטשן קענען ארבעטן און גיין אין סקול. DACA סטאטוס איז נישט פאר אייביג. עס מוז באנייט ווערן יעדע צוויי יאר.

### 2 וואס איז די Essential Plan?

די Essential Plan איז אן אפּאָרדעבעל העלט אינשורענס פלאן. עס איז פאר ניו יארקער וואס זענען קוואליפיצירט דערפאר. עס דעקט דאקטאר באזוכן, שפיטאל קעיר, אונטערזוכונגען, פּרעסקריפּשען מעדיצינען, צאן און אויגן באהאנדלונג בענעפיטן און נאך.

### 3 ווער איז קוואליפיצירט?

- ניו יארק סטעיט איינוואוינער
- בירגער, אפליקאנטן וואס געפונען זיך געזעצליך אין לאנד און DACA מענטשן
- מענטשן וואס זענען צווישן 19 און 64 יאר אלט
- מענטשן וואס זענען נישט בארעכטיגט פאר דעקונג פון זייער ארבעטסגעבער אדער אנדערע דעקונג
- מענטשן מיט נידעריגערע איינקונפט וואס זענען נישט קוואליפיצירט פאר Medicaid אדער Child Health Plus

| צאל נפשות אין הויזגעזינד | מערסטע וויפיל איר קענט פארדינען |
|---|---|
| 1 | $37,650 |
| 2 | $51,100 |
| 3 | $64,550 |
| 4 | $78,000 |

פארגעזעצט >

3/25

## וויאזוי שרייב איך זיך איין?

אנליין אויף
nystateofhealth.ny.gov

דורכן טעלעפאן אויף
1-855-355-5777
פאר TTY רופט:
1-800-662-1220

אומזיסטע הילף פון א טרעינירטער איינגעשטעלטער וואס העלפט זיך איינשרייבן נעבן אייער היים אדער ארבעט. די הילף קען באקומען ווערן פנים אל פנים אדער איבער די טעלעפאן.

## וויאזוי קען איך זיך איינשרייבן?

איינשרייבונג פאר די Essential Plan איז אפן א גאנץ יאר.

## קענט איר מיר העלפן אין מיין אייגענע שפראך?

יא. הילף איז דא צו באקומען אין אייער שפראך דורך די טעלעפאן און פנים אל פנים.

## וויאזוי שרייב איך זיך איין?

**אנליין אויף**
**nystateofhealth.ny.gov**

**דורכן טעלעפאן אויף**
**1-855-355-5777**
**פאר TTY רופט:**
**1-800-662-1220**

**אומזיסטע הילף פון א טרעניערטער איינגעשטעלטער וואס העלפט זיך איינשרייבן נעבן אייער היים אדער ארבעט. די הילף קען באקומען ווערן פנים אל פנים אדער איבער די טעלעפאן.**

NY State of Health פאלגט אויס אלע באטרעפנדע פעדעראלע ציווילע רעכטן געזעצן און סטעיט געזעצן, און דיסקרימינירט נישט לויט די ראסע, הויט קאליר, נאציאנאלע אפשטאם, גלויבונג/רעליגיע, מאן/פרוי, עלטער, זיין חתונה געהאט/פאמיליע סטאטוס, ארעסט היסטאריע, קרימינאלע באשולדיגונג(ען), דזשענדער אידענטיטעט, סעקסועלע אריענטאציע, גענעטישע אייגנשאפטן וואס פארגרעסערן אויסזיכטן פון פראבלעמען, מיליטער סטאטוס, סטאטוס אלס קורבן פון אביוז אין די משפחה און/אדער אויס נקמה.

Si usted habla un idioma diferente al inglés, los servicios de asistencia de idioma están disponibles gratis para usted. Llame al 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220).

如果您使用的語言不是英語，您可以使用我們的免費語言支援服務。請致電 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220)。

## 4 וויפיל קאסט דאס?

די חודש'ליכע באצאלונג איז $0 (אומזיסט). עס זענען דא נידעריגע צוגעצאלטע קאסטן פאר סערוויסעס און פרעסקריפשענס.

## 5 אין וועלכע נאך וועגן שפארט עס מיר געלט?

עס איז נישטא קיין דידאַקטעבעל. די פלאן באצאלט גלייך פאר אייער העלט קעיר פון די ערשטע דאלאר.

עס איז נישטא קיינע צוגעצאלטע קאסטן פאר צאן אדער אויגן באהאנדלונג סערוויסעס.

איר קענט באקומען אומזיסטע פארמיידנדע קעיר ווי רעגלמעסיגע דאקטאר באזוכן און אונטערזוכונגען. פארמיידנדע קעיר קען העלפן אייך האלטן געזונט.

## 6 וואס דעקט די Essential Plan?

די זעלבע סערוויסעס ווי אנדערע פלענער. דאס רעכנט אריין די פאלגנדע בענעפיטן און מער:

- פארמיידנדע קעיר
- קעיר מיט אדער אן האספיטאליזאציע
- מוטערליכע און נייגעבוירענע קעיר
- עמערדזשענסי סערוויסעס
- לאבאראטאריע טעסטס, רענטגען און פרעסקריפשען מעדיצינען
- ריהעביליטעישען סערוויסעס און אנטוויקלונג פון סקילס
- גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ קראנקהייט סערוויסעס
- צאן און אויגן באהאנדלונג סערוויסעס

## אינפארמאציע וואס איר גיבט אונז וועט נישט מיטגעטיילט ווערן

**די זאכן וואס איר דערציילט פאר NY State of Health און פאר אירע איינגעשטעלטע וואס העלפן מיטן זיך איינשרייבן ווערן געהאלטן פריוואט. אינפארמאציע וואס איר גיבט אונז איבער אייער אימיגראציע סטאטוס וועט נאר גענוצט ווערן צו זעהן אויב איר זענט קוואליפיצירט פאר העלט אינשורענס. עס וועט נישט גענוצט ווערן פאר קיין שום אנדערע צוועק.**